**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/28/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ פעקל צו שטרענג באהאנדלען פאנדעמיק שווינדל**

***געזעץ (A.1431/S.1120) העכערט גרענט סומעס געגעבן פאר מענטשן וועלכע באריכטן שווינדל***

***געזעץ (S.4954-C/A.9193-B) העכערט שטראפן פאר שווינדל וואס קומען פאר בשעת א דערקלערירטע סטעיט און עמערדזשענסי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א לעגיסלאטיווע פעקל צו שטרענג באהאנדלען פאנדעמיק שווינדל. דורך העכערן באלוינען פאר באריכטן שווינדל און פארמערן שטראפן פאר שווינדל וועלכע פאסירן אין צייט פון א סטעיט און עמערדזשענסי אזויווי די קאוויד-19 פאנדעמיק, וועלן די נייע געזעצן אפהאלטן מענטשן פון באגיין דעם פארברעכן ווי אויך מוטיגן צו באריכטן שווינדל.

"מיר שיקן ארויס א קלארע מעסעדזש: ניו יארק האט א זערא טאלערענץ פאר שווינדל, ספעציעל אין אונזערע מערסט קריטישע צייטן פון נויט," **האט גאווערנער האקול געזאגט. "**די נייע געזעצן וועלן באשיצן ניו יארקער און זיי געבן א שטופ צו באריכטן שווינדל און ארויסהעלפן מיט ערהוילונג פרואוון און אינעם זעלבן צייט שטרענג באהאנדלען אומאויפריכטיגע מענטשן און זייער קרומע פרואוון צו פארדינען געלט אין די עמערדזשענסיס."

געזעץ (A.1431/S.1120) העכערט די גרענט סומעס געגעבן פאר מענטשן וועלכע באריכטן שווינדל פארבינדן מיט א סטעיט און עמערדזשענסי. דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיק, האבן ניו יארקער באריכטעט מעגליכע שווינדל טאטן דורכגעפירט אויפ'ן סטעיט. יעצט, קענען פריוואטע בירגער פייל'ן ציווילע געריכט קלאגעס פאר די רעגירונג צו העלפן צוריקבאקומען געשווינדלטע געלטער און קענען באקומען א פערצענט פון די געלט וואס מען מאכט צוריק. מיט די נייע געזעץ, קענען וויסלבלאווערס מעגליך זיין בארעכטיגט צו באקומען נאך געלט אויב די שווינדל איז דורכגעפירט געווארן אין א סטעיט און עמערדזשענסי.

**אסעמבלימיטגליד דזשעפרי דינאוויץ האט געזאגט,** "אזויווי מיט אנדערע סטעיט און עמערדזשענסי'ס, ווי הוריקעין סענדי אדער סעפטעמבער 11, שאפט דאס נויט צו רעאגירן געשווינד געלעגנהייטן צו דורכפירער פון שווינדל. מיט פייל'ן א קווי טאם וויסלבלאווער געריכט, קענען בירגער באקומען א פערצענט פון די געלט צוריקבאקומען. רעגירונג געלטער זענען באגרעניצט, ספעציעל צוליב די פאנדעמיק. די געזעץ געבט א שטופ פאר וויסלבלאווערס צו קומען פאראויס מיט אינפארמאציע צו ארויסהעלפן די סטעיט מיט צוריקבאקומען געלטער און אפהאלטן קרימינאלע אויפפירונגען. איך דאנק גאווערנער האקול פאר אונטערשרייבן דער וויכטיגע לעגיסלאציע אלס געזעץ און איך אנערקען די שווערע ארבעט פון סענאטאר קאמינסקי מיט דורכפירן דעם ביל אין דעם סטעיט סענאט."

געזעץ (S.4954-C/A.9193) העכערט שטראפן פאר שווינדל וואס קומען פאר אין צייט פון א דערקלערירטע סטעיט אוו עמערדזשענסי. די געזעץ וועט ארויפלייגן געלט שטראפן אויף יעדע פארטנערשיפ, קארפאראציע, פירמע, טראסט אדער אסאסיאציע, אדער מענטש וואס באגייט אזא שווינדל. די נייע געזעץ ערמעגליכט די אטורני דזשענערעל צו נעמען שריט פאר ציווילע שטראפן קעגן די איינהייטן.

**אטורני דזשענערעל לעטיטיע דשעימס האט געזאגט,** "דורכאויס די הויכפונקט פון די פאנדעמיק, זענען ניו יארקער אויסגענארט געווארן דורך שווינדלער וואס האבן פרובירט צו אויסנוצן די שווערע צייטן. מיין אפיס האט גענומען באדייטנדע שריט צו אפשטעלן סקעמס, באקעמפן פרייז אויסנוץ פון וויכטיגע געברויכן, און צוריקבאקומען מיליאנען דאלער פאר איינקויפער וועלכע זענען געווארן אויסגענארט. די נייע געזעץ וועט פארשטערקערן די מעגליכקייט צו נאכגיין די וועלכע האבן פרובירט צו אויסנוצן ניו יארקער. איך אפלאדיר גאווערנער האקול, סענאטאר מירי, און אסעמבלימיטגליד ראזיק פאר נעמען די וויכטיגע שריט צו באשיצן ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר זעלנאר מירי האט געזאגט,** "די נייע געזעץ איז א קלארע דערקלערונג פאר צוקונפטיגע שווינדלער און סקעמערס: אויב איר נוצט אויס די ניו יארק איינקויפער אין דעם שווערע צייט, וועט אייער קאסט פון טון ביזנעס יעצט ווערן פיל העכער. ניו יארקער האבן שוין פארלוירן איבער 80$ מיליאן אין פאנדעמיק-פארבינדענע שווינדל און העכערן שטראפן פאר די ווייסע-קאלנער פארברעכן וועט העלפן זיי אפהאלטן יעצט און אין צוקונפטיגע קריזיסן. איך בין דאנקבאר צו מיין מיטארבעטער אסעמבלימיטגליד נילי ראזיק, און צום גאווערנער פאר אונטערשרייבן די ביל צו א געזעץ."

**אסעמבלימיטגליד נילי ראזיק האט געזאגט,** "אין צייט פון קריזיס, זענען איינקויפער אין א העכערע ריזיקע פון ווערן גע'סקעמ'ט און געשווינדלט. די נייע געזעץ וועט פארזיכערן אז די וואס נוצן אויס ניו יארקער אין צייט וואס זיי זענען זייער עמפינדליך וועלן ווערן שטרענג באשטראפט. א דאנק אייך גאווערנער האקול פאר'ן אונטערשרייבן דעם וויכטיגן שטיקל לעגיסלאציע."

**ניו יארק סעקרעטאר אוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "באשיצן ניו יארקער קעגן שווינדל און קרומע אויפפירונג, ספעציעל דורכאויס די עמערדזשענסיס ווען איינוואוינער זענען זייער עמפינדליך, איז א הויפט פריאריטעט פון אונזער אפטיילונג פון איינקויפער באשיצונג און ניו יארק סטעיט. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע בילס צו געזעצן און פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו ניו יארק'ס איינקויפער."

###